**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט די אנהייב פון בוי-ארבעט אויף א בליי סערוויס ליניע ערזעצונג פראיעקט אין די סיטי פון ראטשעסטער**

***3 מיליאן דאלער שטאטישע טיילונג צו שטיצן א קריטישע פראיעקט צו ערזעצן 772 פריוואטע בליי סערוויס ליניעס***

***טייל פון אנגייענדע שטאטישע און פעדעראלע אינוועסטמענטס צו אידענטיפיצירן און אוועקנעמען בליי סערוויס ליניעס לענגאויס ניו יארק***

***סיטי פון ראטשעסטער איז בארעכטיגט פאר 48 מיליאן דאלער אין פעדעראלע בייפארטייזאן אינפעסטרוקטור געזעץ געלטער צו ערזעצן בליי סערוויס ליניעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די אנהייב פון בוי-ארבעט אויף א קריטישע טרינקען-וואסער פראיעקט צו ערזעצן 772 פריוואטע בליי און גאלוואנייזטע טרינקען וואסער סערוויס ליניע אין די סיטי פון ראטשעסטער. די נויטיגע 5 מיליאן דאלער פראיעקט ווערט געשטיצט דורך א 3 מיליאן דאלער וואסער אינפעסטרוקטור פארבעסערונג (Water Infrastructure Improvement, WIIA) טיילונג פון די ניו יארק סטעיט ענווייראמענטל פאסיליטיס קארפאראציע (Environmental Facilities Corporation, EFC) און וועט פאראויסריקן די סיטי'ס פלאן צו ערזעצן אלע בליי סערוויס ליניעס ביז 2030.

"די סייענס איז קלאר אז עס איז נישטא קיין פארזיכערטע לעוועל פון בליי אין טרינקען-וואסער, צוליב דעם האלט ניו יארק ווייטער אן צו געבן קריטישע טיילונגען צו קאמיוניטיס צו ערזעצן בליי רערן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארזיכערן צוטריט צו ריינע, פארזיכערטע וואסער פאר אלע ניו יארקער איז מיין העכסטע פריאריטעט. אינאיינעם מיט אונזערע פעדעראלע שותפים, איז מיין אדמיניסטראציע אנטשלאסן צו העלפן קאמיוניטיס אונטערנעמען די קריטישע פראיעקטן וואס באשיצט פאבליק געזונטהייט בשעת'ן פארמינערן די עול פון לאקאלע ראטע-צאלער."

די פראיעקט ענטהאלט ארויסשניידן און אוועקנעמען עקזיסטירנדע בליי, בליי-אויסגעבעטענע און גאלוועניייזטע וואסער סערוויס ליניעס. א נייע צענטראלע וואסער טעפ, וואסער סערוויס רערן, קורב סטאפ, און קורב קעסטל וועלן ווערן אריינגעשטעלט. ארבעט נעמט אריין אלע איבערפלאך איבערארבעטונגען און סערוויס ליניעס וועלן ווערן ארויסגעשווענקט פון די צענטראלע וואסער צו די מעסטער נאכדעם וואס מען אינסטולירט און אקטיוויזירט די נייע וואסער סערוויס.

אויסארבעטן געלטער פון די פעדעראלע בייפארטייזאן אינפעסטרוקטור געזעץ ( Bipartisan Infrastructure Law, BIL) אינאיינעם מיט די שטאט'ס אינוועסטמענטס וועט ווייטער מוטיגן לאקאלע קאמיוניטיס צו מאכן קריטישע סיסטעם פארשריטן וואס באשיצט פאבליק געזונטהייט. EPA האט באלוינט ניו יארק מיט א סך הכל פון 240 מיליאן דאלער פאר בליי סערוויס ליניע ערזעצונג ( lead

אין די ערשטע צוויי יאר פון די פינף-יאר BIL. EFC און די סטעיט (service line replacement, LSLR
דעפארטמענט אוו העלט (DOH) געבן די געלטער דורך די טרינקען-וואסער שטאטישע איבעטווישונג
געלטער (Drinking Water State Revolving Fund, DWSRF). DOH האט אידענטיפיצירט אין די
DWSRF געפלאנטע באנוץ פלאן (Intended Use Plan, IUP) פראיעקטן לענגאויס די שטאט וואס
זענען בארעכטיגט פאר BIL LSLR געלטער, אריינגערעכנט 48 מיליאן דאלער אין טיילונגען און
אינטערעסט-פרייע פינאנצירונג פאר די סיטי פון ראטשעסטער. קאמיוניטיס מיט פראיעקטן אידענטיפיצירט
אין די IUP קענען זיך איינגעבן פאר BIL LSLR געלטער.

בליי איז שענדליך צו א מענטש'ס געזונטהייט און קען זיך אריינבאקומען אין טרינקען-וואסער ווען
פלאמינג מאטריאלן וואס האבן בליי צוברעקלען זיך, ספעציעל וואס די וואסער האט הויכע אסידיטי אדער
ענטהאלט א נידריגע צאל פון מינעראלן וואס צוברעכן רערן און פיקסטשורס. די מערסט-באקאנטע
קוועלער פון בליי אין טרינקען-וואסער זענען בלייענע רערן, קראנען, און פיקסטשורס. אין היימען מיט בליי
רערן וואס פארבינדט די היים צו די צענטראלע וואסער, אויך באקאנט אלס בליי סערוויס ליניעס, זענען די
רערן רוב מאל די מערסטע באדייטנדע קוואל פון בליי אין די וואסער. בליי רערן זענען מער מסתבר זיך צו
געפונען אין עלטערע סיטיס און אין היימען וואס זענען געבויט געווארן פאר 1986. צווישן די היימען אן
בליי סערוויס ליניעס, זענען די מערסטע באקאנטע פראבלעמען מיט ברעס אדער קראום-באדעקטע
ברעס קראנען און פלאמינג מיט בליי פאבינדונגען.

ניו יארק סטעיט'ס בליי סערוויס ליניע ערזעצונג פראגראם, געשטיצט דורך די שטאט ריינע וואסער
אינפעסטרוקטור געזעץ, האט אינוועסטירט 30 מיליאן דאלער צו אידענטיפעצירן און ערזעצן בליי סערוויס
ליניעס לענגאויס די שטאט. צום היינטיגן טאג, איז 21 מיליאן דאלער געשפענדעט געווארן דורך דעם
פראגראם ערזעצט 3,266 בליי סערוויס ליניעס אין ניו יארק. די געלטער זענען אין צוגאב צו געלטער
וואס וועלן נאך ווערן אינוועסטירט דורך די WIIA און די BIL.

די סיטי פון ראטשעסטער האט באקומען איבער 5.6 מיליאן דאלער אין WIIA טיילונגען פון די EFC אין
די לעצטע פינף יאר צו פארבעסערן איר טרינקען-וואסער סיסטעמען, אריינגערעכנט די 3 מיליאן דאלער
טיילונג פאר די פראיעקט וואס הייבט זיך אן היינט. די WIIA פראגראם ציינט אויף ניו יארק סטעיט'ס
פאלק-פירנדע באשלוס צו פארבעסערן וואסער און אפפליס סיסטעמען, פארמינערן וואסער
פארפעסטיגונגען, און באשיצן נויטיגע טרינקען-וואסער סופלייס פון פארפעסטיגונגען וואס קומען ארויס
און שענדליכע כעמיקאלן.

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטל פאסיליטיס קארפאראציע פרעזידענט און CEO מאוריקן א.
קאלעמאן האט געזאגט,** "ריינע וואסער איז א רעכט, נישט א פריווילעגיע. און אוועקנעמען בליי פון
סערוויס ליניעס איז קריטיש אויף איבערצוגעבן פארזיכערטע וואסער. אונטער די פירערשאפט פון
גאווערנער האקול, ארבעט EFC און אונזערע שותפים אין פעדעראלע, שטאטישע און לאקאלע
גאווערמענטס צו פארזיכערן אז קאמיוניטיס לענגאויס ניו יארק באקומען די שטיצע וואס זיי דארפן
אונטערצונעמען פראיעקטן וואס זענען וויכטיג פאר זייערע איינוואוינער'ס פאבליק געזונטהייט און לעבנס
קוואליטעט. די פראיעקט וואס מיר פייערן היינט איז עדות אויף אונזער אנגייענדע איבערגעגעבנקייט. איך
הייב ארויס מעיאר עווענס און זיין אדמיניסטראציע פאר זייער געוואלדיגע ארבעט פון אונטערנעמען די
לעבנס-ראטעווענדע סיסטעם פארשריטן פאר די מענטשן פון ראטשעסטער."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער דר. דשעימס מקדאנעלדס האט געזאגט,** "די היינטיגע
דורכברוך אין ראטשעסטער ציינט אויף די אנגייענדע איבערגעגעבנקייט פון ביידע, ניו יארק סטעיט און די
ענווייראמענטל באשיצונג אגענטורן אפצוהיטן טרינקען-וואסער דורכ'ן אוועקנעמען בליי פון פלאמינג וואס
מיר ווייסן וועט באשיצן די געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס. מיר באדאנקען אונזערע שותפים פאר
זייער פאראייניגטע פירערשאפט און אינוועסטמענטס אין פארזיכערן אז די וואסער וואס ווערט געברענג

צו אונזערע מענטשן דא אין ראטשעסטער און דורכאויס ניו יארק סטעיט קומט נאך די העכסטע סטאנדארטן."

**EPA דעפיוטי ראיאנישע אדמיניסטרעיטאר אליסע ארקאיע האט געזאגט,** "עס איז א כבוד זיך צו פאראייניגן מיט די סיטי פון ראטשעסטער אונטערצושטרייכן זייער איבערגעגעבנקייט צו פאבליק געזונטהייט און זייער פירערשאפט אין ערזעצן בליי סערוויס ליניעס. ראטשעסטער וועט זיין א בליי-פרייע סיטי ביז 2030, און פעדעראלע און שטאטישע אינפעסטרוקטור געלטער וועלן העלפן ראטשעסטער דערגרייכן דעם ציל."

**סענעט מיאריטעט פירער טשארלס שוממער האט געזאגט,** "שענדליכע בליי פון טרינקען-וואסער רערן קענען אריינקומען אין אונזערע קערפערס, ספעציעל אין קינדער'ס קערפערס, און צוברענגען אייביגע שאדנס פאר'ן מח. אבער ערזעצן די רערן איז זייער טייער. אדאנק אונזער היסטארישע בייפארטיזאן אינפעסטראקטור און פאסטנס געזעץ, מיט געלטער צו ערזעצן בליי סערוויס ליניעס, און די צוגאב פון 21.5 מיליאן דאלער וואס איך האב איבערגעגעבן אין די אמעריקאנע ראטעוועון פלאן, קען ראטשעסטער יעצט ערזעצן אלע בליי רערן ביז 2030! איך הייב ארויס די סיטי פון ראטשעסטער, די NYS ענווייראמענטל פאסיליטיס קארפאראציע, NYS דעפארטמענט אוו העלט, EPA, און אלע וואס האבן שווער געארבעט צו ברענגען די שטארק-געדארפטע פלאן צו א מציאות."

**סעניטער קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "צוטריט צו פארזיכערטע, פארלעסליכע טרינקען-וואסער זאל זיין א יסודות'דיגע רעכט פאר אלע ניו יארקער. איך בין איבערגליקליך צו זען די אנהייב פון בוי-ארבעט אויף די קריטישע פראיעקט, וועלכע וועט ערזעצן געפארפולע בליי סערוויס ליניעס צו פארזיכערן אז בליי-פרייע וואסער פליסט אריין אין די היימען פון ראטשעסטער-געגנט איינוואוינער. איך בין שטאלץ צו האבן געהאלפן פארזיכערן געלטער דורך די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ צו ערזעצן בליי רערן דורכאויס די שטאט און איך וועל ווייטער קעמפן פאר די הילפסמיטלען וואס מען דארף צו פארבעסערן פאבליק געזונטהייט און געבן פאר ניו יארקער צוטריט צו פארזיכערטע טרינקען-וואסער."

**פארשטייער דשאו מארעל האט געזאגט,** "פאר יעדע מענטש קומט זיך די גאראנטי אז זייער טרינקען-וואסער איז פארזיכערט און ריין פון געפארפולע פארפעסטיגונגען. ווען איך האב געשטומט אריבערצופירן די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ, זענען פראיעקטן אזוויי די געוועזן דאס וואס איך האב אינזין געהאט. איך בין דאנקבאר NYSEFC, NYSDOH, EPA און די סיטי פון ראטשעסטער פאר זייער באשלוס צו שטיצן ראטשעסטער פאמיליעס, און איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן צוזאמען צו פארבעסערן די לעבנס פון די מענטשן אין אונזער קאמיוניטי."

**אסעמבלימעמבער הארי בראנסאן האט געזאגט,** "ארויסנעמען די בליי פון אונזער טרינקען-וואסער סופליי איז א פאבליק געזונטהייי פריאריטעט פאר ניו יארק סטעיט. די פראיעקט וועט העלפן ראטשעסטער איינוואוינער דורך ערזעצן סערוויס ליניעס וואס פארבינדט היימען צו די צענטראלע וואסער. סערוויס ליניעס זענען אפטמאל די מערסטע שולדיג פון בליי פארפעסטיגונג אין טרינקען-וואסער און זענען א געזונטהייט דראונג פאר קינדער און פאמיליעס וואס וואוינען אין עלטערע סיטיס פון ראטשעסטער. דורך די פאראייניגטע לאקאלע, שטאטישע און פעדעראלע שותפות ארבעטן מיר שווער אוועקצונעמען בליי פון אונזערע וואסער סיסטעמען."

**ראטשעסטער מעיאר מאליק ד. עוואנס האט געזאגט,** "איך וואלט געוואלט איבערגעבן מיין הערצליכע דאנק צו גאווערנער האקול און די ענווייראמענטל פאסיליטיס קארפאראציע פאר זייער קריטישע געלטער פון אונזער בליי סערוויס ליניע ערזעצונג אינציאטיוו דורך די WIIA טיילונג פראגראם. מיר אנערקענען אויך די אנגייענדע שטיצע פון די ענווייראמענטל באשיצונג אגענטורן פאר אונזערע באמיאונגען. מיט די

פאראייניגטע הילף פון EFC און די שטיצע פון EPA, זענען מיר זיכער אז עס איז אונז מעגליך צו דערגרייכן א בליי-פרייע צוקומפט ביז 2030."

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**

ניו יארק סטעיט טוט ווייטער פארמערן איר לאנד-פירנדע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור, אריינגערעכנט איבער 2.2 ביליאן דאלער אין פינאנציעלע הילף פון די EFC פאר לאקאלע וואסער אינפעסטרוקטור פראיעקטן אין די שטאטישע פיסקאל יאר 2024 אליין. מיט 500 מיליאן דאלאר צוגעטיילט פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר 2024-2025 אנאנסירט דורך גאווערנער האקול, וועט ניו יארק האבן אינוועסטירט א סך הכל פון 5.5 ביליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור צווישן 2017 און היי יאר. גאווערנער האקול'ס סטעיט פון די סטעיט איניציאטיוון ארבעטן העלפן פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע גאווערמענטס און פארזיכערן אז קאמיוניטיס קענען אויסנוצן די אינוועסטמענטס. די גאווערנער האט פארמערט WIAA טיילונגען פאר אפלויף וואסער פראיעקטן פון 25 צו 50 פראצענט פון נעט בארעכטיגטע פראיעקט קאסטן פאר קלענערע פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. די גאווערנער האט אויך פארברייטערט EFC'ס 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' (Community Assistance Teams) צו העלפן קליינע, דארפישע, און פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס אויסצונוצן די געלטער און אדרעסירן זייערע אינפראסטרוקטור באדערפענישן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיטן אויסצאלן זייערע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף https://efc.ny.gov/CAT.

די פינאנצירונג, אין צוגאב צו אנדערע באדייטנדע אינוועסטירונגען אין וואסער קוואליטעט, רעכנט אריין דעם ווילער-באשטעטיגטן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' פון 2022 וואס שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמעס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן און פלאנצונגען וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. די ערשטע רונדע פון געלטער אונטער די ענווייראנמענטל באנד אקט איז געגעבן געווארן דורך די WIIA/IMG פראגראמען אין דעצעמבער, ווען גאווערנאר האקול האט געמאלדן $479 מיליאן אין שענקונגען צו 156 פראיעקטן איבער די סטעיט, אריינגערעכנט 309 מיליאן דאלער געבערענגט געווארן צו פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען צום ווייניגסטנס 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באַנד געזעץ געלטער, מיט א ציהל פון 40 פראצענט.

**איבער די בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ און בליי סערוויס ליניע ערזעצונג געלטער**

פרעזידענטביידען'ס בייפארטיזאן אינפעסטרוקטור געזעץ אינוועסטירט א היסטארישע 15 ביליאן דאלער לענגאויס די פאלק צו אידענטיפעצירן און ערזעצן בליי סערוויס ליניעס. די געזעץ פראקלאמירט אז 49 פראצענט פון DWSRF LSLR געלטער מוז ווערן געגעבן אלס טיילונגען אדער אויסגעבארגטע געלט וועט נישט מוזן באצאלט ווערן (אדער נישט אינגאנצן) אין פארנאכלעסיגטע קאמיוניטיס, א קריטישע אינוועסטמענט וואס מען האט נישט גענוג אינוועסטירט דערין שוין פאר צו לאנג. EPA זעט פאר א סך הכל פון 9 מיליאן בליי סערוויס ליניעס לענגאויס די קאונטי, באזירט אויף דאטא וואס איז צאמגענומען געווארן פון די אפדעיטעד טרינקען-וואסער אינפעסטרוקטור געברויכן סורוועי און אפשאצונג. די געלטער וועלן געגעבן ווערן ספעציעל צו אידענטיפעצירן און אוועקנעמען בליי סערוויס ליניעס און וועט העלפן ניו יארק געבן געלט פאר פראיעקטן אוועקצונעמען בליי רערן און פארמינערן דאס זיין אויסגעשטעלט צו בליי פון טרינקען-וואסער. צו פארזיכערן אז געלטער ווערן גענוצט פאר בליי סערוויס פארבינדענע אקטיוויטעטן אין די שטעט וואס דארפן עס די מערסטע, זענען LSLR צוטיילונגען באזירט אויף געברויך - דאס מיינט אז שטעט וואס מען זעט מער בליי סערוויס ליניעס באקומען מער LSLR געלטער לויט וויפיל זיי דארפן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן